# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50c. a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. 37, No. 4
DECEMBER, 1953

# "God Is Not That Kind Of a God"

**By Sydney L. Parker, a Jew who believes in the Messiah, the Lord Jesus Christ**

MOST people today seem to have their own conception of God. They explain what they **think** God is.

A cultured Jewish lady came into the reading room of our mission hall in New York in order to register her objection to a sign which was displayed in our show window, and which read: "God's avenging hand has scattered the Jews." She did not believe, so she maintained, that God would scatter anybody. I pointed out that these words appear in the Old Testament, in the Book of Deuteronomy, chapter 28:15,64:

> But it shall come to pass, if thou wilt not hearken unto the voice of the Lord thy God, to observe to do all his commandments which I command thee this day; that all these curses shall come upon thee, and overtake thee.... **and the Lord shall scatter thee among all people, from one end of the earth even unto the other.**

She astonished me considerably by her answer: "These ideas should be stricken out of the Bible. God is not that kind of a God," she said quite seriously.

Without doubt, if this dear woman had her own way she would cut out this section of the T'nach and perhaps many others which did not conform to her concept of God. Imagine, in her misunderstanding, she condemned part of the Law of Moses! But, sad to say, this type of mentality is the result of the teaching of a certain form of Judaism. Consequently, this woman chose what she wanted to believe of the T'nach, the revealed will of God. The rest she would abandon. No qualms, no regrets, just cut it out, for it doesn't fit in with her conception of God. Is not this characteristic of most Jews when they think about God and religion? Do you, who read these words, have your own conception of God?

Consequently, it does not surprise us to find Jews rejecting parts of the T'nach when we realize that Judaism, as a religion, is in great part built up of man-made conceptions and beliefs. The true and only centre of the Jewish faith was the Temple in Jerusalem around which divine worship took place, and without which there can be no Biblical Judaism. With the destruction of the Temple in the year 70 A. D., sacrifice for sin came to an end, for the divinely ordained place of the sacrifice no longer existed. The Jews were, henceforth, no longer able to obtain atonement for their sins in the way to which they had been accustomed for so long. Many Jews recognized their plight and cried, "We are lost because of our sins!" (IV Esdras 9:36). Joshua ben Hananiah, in deep sorrow, wondered what could make atonement for them. He at least realized the true position and did not pervert the Scriptures to make them mean that God never needed a sacrifice for sins.

However, instead of realizing that the Messiah of Whom Moses in the Law and all the prophets wrote had come as foretold and turning to Him, the true Messiah and Lamb of God, Johanan ben Zakkai, one of the leaders of the Jews after the Temple's destruction, introduced a novel teaching. He declared that good deeds have as much power to atone for sins as sacrifice. As his authority he quoted Hosea 6:6, "I desire mercy, and not sacrifice"; and Proverbs 16:6, "By mercy and truth is iniquity purged." Thus, by taking Scripture out of its context, it was made to appear to mean something quite different from what was intended by the prophet. Neither Hosea, who said "O Israel, return unto the Lord thy God; for thou hast fallen by thy iniquity," nor King Solomon, the writer of the Book of Proverbs, who actually built the Temple in Jerusalem, had any intention of teaching the people to turn away from the clear command in Leviticus 17:11, **"For the life of the flesh is in the blood: and I have given it to you upon the altar to make atonement for your souls; for it is the blood that maketh an atonement for the soul."**

In the second century of the Christian era, Rabbi Akiba further developed this new idea of atonement. He went so far as to say that we needed no High Priest or Saviour—a teaching which is quite contrary to all Biblical revelation and the Law of Moses.

Thus these two men started Israel on a new course which was away from all that God had taught the nation.

Why did the Jews take upon themselves, as their first task when they returned to Israel after the captivity in Babylon, the rebuilding the Temple and restoring the sacrifices? Why did the prophets of God—Haggai and Zechariah—encourage the rebuilding of the Temple? If the learned Rabbis, Johanan ben Zakkai and Akiba, were correct in their teaching, then the prophets of God, Haggai, Zechariah, Ezra, and Nehemiah were all wrong! Even today orthodox Jews all over the world are waiting and praying for the day when the Temple will be rebuilt just as soon as the Holy City itself comes into Jewish hands. Every Jew who attends the synagogue on any of the three pincipal feasts, Passover, Pentecost, or Tabernacles, repeats the following words. " . . . May it be Thy will, O Lord, . . . to have mercy on thy sanctuary, and speedily rebuild it. . . and there we will prepare before thee the obligatory sacrifices."

Only one answer remains. Sin leaves a guilty conscience and a burdened heart until its punishment has been met in the sacrificial death of another. This is Bible truth; this is Old Testament Judaism.

How long, O Israel, will you reject God's Word and substitute your own religion, ideas, and will? Why accept this teaching of the Rabbis, such as Zakkai and Akiba, while **God** holds out to you His hand of blessing? Give up the illusion that it doesn't matter what you believe as long as you are sincere, that **you** can decide what must be done to obtain atonement. The Messiah has come as the T'nach promised. The Lord Jesus Christ died for the sins of Jews and Gentiles

## Don't Go to Jerusalem!

**Jerusalem — the one hallowed spot dear to every Jewish heart! Why should we Jews not go there? Because the doing so at this time is fraught with dangers unparalleled in all of Judah's sad history. The Word of God is filled with predictive warning concerning a return to the Jewish "Home Land" in these days. Would you care to know what God's Word says? Send us 5¢ in stamps and ask for our leaflet, "Don't Go to Jerusalem."**

***THE SHEPHERD OF ISRAEL*, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.**

Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 30, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

alike. He is God's sacrifice for sin. All that the Levitical system, the Temple, the sacrifices meant and symbolized has been secured by the Lord Jesus Christ in His sacrificial death. John, the one who was baptizing Jews in the Jordan River, said of the Lord Jesus Christ, "Behold the Lamb of God, who taketh away the sin of the world." The Temple is gone. God still requires sacrifice for sin. He has provided this sacrifice in the death of the Lord Jesus Christ.

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

Established by Leopold Cohn in 1894



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.

236 WEST 72nd STREET

NEW YORK 23, N. Y.

## COME TO OUR MEETINGS

AT 590 BROADWAY, BROOKLYN

| | | |
|---|---|---|
| Monday, | 3:00 P.M. | Class for Primary and Junior Girls |
| Wednesday, | 2:00 P.M. | Class for Mothers; Kindergarten |
| Thursday, | 7:00 P M. | Class for Senior Boys and Girls |
| | 8:00 P.M. | Classes for Men and Women |
| Friday, | 3:00 P.M. | Class for Primary and Junior Boys |
| | 7:30 P.M | Gospel Meeting |
| | 8:00 P.M. | Class for Intermediate Boys |

AT 236 WEST 72nd ST., NEW YORK

| | | |
|---|---|---|
| Sunday, | 2:30 P.M. | Young People's Meeting |
| | 4:00 P.M. | Gospel Meeting |
| Monday, | 7:30 P.M. | Class for Women |
| Tuesday, | 2:30 P.M. | Class for Women |
| | 7:00 P M. | Jewish Missionary Institute |

AT 3116 NEPTUNE AVE., CONEY ISLAND

| | | |
|---|---|---|
| Monday, | 1:30 P.M. | Mothers' Classes |
| Tuesday, | 3:00 P.M. | Primary Boys |
| Wednesday, | 1:30 P.M. | Dorcas Society |
| | 7:30 P.M. | Women's and Young People |
| Thursday, | 3:00 P.M. | Primary & Junior Girls |
| | 7:00 P.M | Teenagers |
| Friday, | 3:00 P.M. | Junior Boys |

# From Darkness To Light

**How Bernhard Schatkin fled from pogroms in Russia to find the Messiah in New York**

I WAS born in Russia in the year 1877 of very orthodox Jewish parents. Our home was maintained strictly in accordance with the traditions of Judaism. At the age of three my mother put a little garment on me, which had four fringes, and told me that as a Jew I must wear this every day and all day, all my life. This was the Arba Kanfot, or Tzizit, that every orthodox Jew wears. About this age I was also taught to memorize my first Hebrew Scriptures, "Hear O Israel, the Lord our God is One Lord!" (Deuteronomy 6:4.) At the age of five I was sent to the elementary Hebrew School (Heder) where I learned to recite the many prayers, the Hebrew Scriptures, and the Talmud. These studies finished when I reached the age of Bar Mitzvah, or confirmation, at 13 years. From this time on I was able to take part in the religious life of the community. I prayed with phylacteries on my head and arm in the morning, and I could now become one of the ten men, or "Minyan," necessary to make up the synagogue worship.

After my confirmation, as my parents had dreams of my becoming a rabbi, I was sent for further studies to a Talmud Torah, or more advanced school of Hebrew religious studies, and diligently prepared myself for the future.

Up to this time we had been living at peace with our neighbors in the little town, where we were domiciled, and I had not seen any of the outbursts of anti-semitism which took place from time to time under the Russian Czars. The Russian people generally lived in harmony with their Jewish neighbors unless they were inflamed or incited against them by the Government. Invariably any outburst of anti-semitism or any pogrom in Russia was preceded by intensive propaganda against the Jews by the agents of the Government. This usually happened at times when the people had begun to show signs of unrest against their oppressive feudal overlords. All the ills of the people were attributed to the Jews, and the ignorant, illiterate peasants, urged on by the soldiers, believed what they were told and attacked Jews and murdered them—men, women and children—mercilessly and remorselessly.

Not only was this constant fear before our minds, but Jews were unable to obtain the same privileges of education. They were excluded from public schools, and special difficulties were put in their way when they wished to enter the universities, and the few who succeeded in getting there were segregated from the non-Jewish students.

About this time the eyes of the world began to turn towards the U.S.A., and many Jews left Russia and set out for the New World where all men were equal. Our family shook the dust of Russia from its feet early in 1891, and soon we found ourselves in a new land of unlimited opportunity where, in spite of the difficulty of learning a new language and starting an entirely new life, we were contented, happy, and thankful to God who had brought us here.

In New York I had my first contact with the New Testament. A missionary placed a copy of this book in my hands and spoke a few words about Jesus of Nazareth. I read the New Testament and became greatly interested, and very much impressed, with the wonderful life of Jesus, the Messiah. I read how He gave sight to the blind, cleansed the lepers, and even raised the dead. To me all this was a very wonderful experience as I had never before known that there was such a book as the New Testament. I began to attend Christian services, as I wished to learn more of this wonderful Person. I soon found many friends among those who attended these meetings, and I was invited to their homes. It was not long before I realized that true believers in Christ love our Jewish people. They love us because their Saviour was a Jew. It was not long before it was clear to me that not all who called upon the name of Christ, and even attend churches, were necessarily believers, but that many simply followed a form of Christianity which consisted of rites and ceremonies. A true Christian cannot help loving the Jews.

As I learned more of the New Testament, I found that it was a Jewish book —just as Jewish as the Tenach or the Talmud—and that Jesus of Nazareth was a Jew, that his disciples and followers in the early days were all Jews, and that they even hesitated to preach the Gospel to non-Jews, for they thought that it was only for Jews.

It was not long before I felt that I, too, must believe this marvelous record, and put my trust for time and eternity in the true Messiah of Israel, and it was the ex-Rabbi Leopold Cohn of the American Board of Missions to the Jews who led me to Christ.

For almost forty years I have served Him and sought to bring Him to my Jewish brethren that others, too, may find the peace and assurance that I have found and have the joy of sins forgiven. My only regret is that I was not younger when I made my decision. "O, taste and see that the Lord is good, blessed is everyone that trusteth in Him."

נור איין ענטפער פאַרבלייבט. זינד לאָזט אונז איבער אַ שולדיק געוויסן און אַ שווער האַרץ ביז דער עונש ווערט באַצאָלט דורך דעם אָפּפער טויט פון אַן אַנדערען. דאָס איז דער ביבלישער אמת: דאָס איז תנ״ך יודאיזם.

ווי לאַנג נאָך וועסטו, אַ ישראל, פאַרוואַרפן גאָט׳ס וואָרט און אָנשטאָט זיך שטיצן אויף דיין אייגענער רעליגיע, אידעען, און דיין אייגענעם ווילן? פאַרוואָס זאָלסטו אָננעמען די לערע פון די רבנים ווי יוחנן בן זכאי און עקיבא ווען גאָט שטרעקט דיר אויס זיין האַנט פון ברכה? וואַרף אַוועק דיין אילוזיע אַז עס מאַכט נישט אויס וואָס מען גלויבט אַבי מען איז ערלעך און אויפריכטיק, אַז דו אַליין קאָנסט ענטשיידן וואָס מען דאַרף טון כדי צו האָבן פאַרגעבונג פון זינד. דער משיח איז געקומען אַזוי ווי עס איז פאָרגעזאָגט געוואָרן אינם תנ״ך. דער האַר ישוע המשיח איז געשטאָרבן פאַר די זינד פון יידן און פון גוים. ער איז גאָט׳ס קרבן פאַר די זינד. די גאַנצע באַדייטונג פונם פריסטערלעכן סיסטעם, דער בית המקדש, די קרבנות, זייער באַדייטונג און זייער סימבאָל, איז ענטהאַלטן אין דעם אָפּפער טויט פון דעם האַר ישוע המשיח. יוחנן, דער וואָס האָט יידן געטובלט אינם ירדן, האָט געזאָגט איבער דעם האַר ישוע המשיח, „זע דאָס לאָם פון גאָט וואָס נעמט אַוועק די זינד פון דער וועלט.״ נישטאָ מער קיין בית המקדש. גאָט פאָדערט נאָך אַלץ אַ קרבן פאַר זינד. ער האָט אַליין געגעבן דעם קרבן דורך דעם טויט פון דעם האַר ישוע המשיח.

---

# פון פינסטערניש צו ליכט

## ווי אַזוי בערנאַרד שאַטקין איז ניצול געוואָרען פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד כדי צו געפינען דעם משיח אין ניי יאָרק.

איך בין געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד אין יאָר 1877. מיינע עלטערן זיינען געווען אָרטאָדאָקסישע פרומע יידן. אונדזער היים האָט זיך אויפגעפירט לויט די טראַדיציעס און מנהגים פון סטריקטער יידישקייט. ווען איך בין נור אַלט געוואָרן דריי יאָר האָט מיין מוטער מיר אָנגעטון אין אַן ארבע כנפות פון אַ טלית קטן, און מיר געזאָגט אַז אַלס אַ ייד מוז איך עס טראָגן דעם גאַנצן און יעדן טאָג, מיין גאַנץ לעבן לאַנג. אַזאַ ארבע כנפות אָדער ציצית טראָגט יעדער אָרטאָדאָקסישער און פרומער ייד. צו דער צייט האָט מען מיך אויך אויסגעלערנט צו געדענקן פון אויסנווייניג די ווערטער פון דעם תנ״ך, „שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד!״ (דברים 4:6) ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר *האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אין חדר* אריין וואו איך האָב זיך אויסגעלערנט דאַוונען, חומש און גמרא לערנען. דאָס חדר לערנען האָט זיך געענדיקט ווען איך בין געוואָרן בר מצווה ד.ה. דרייצן יאָר אַלט. דעמלט האָט איך שוין געקאָנט אַנטייל נעמען אינם יידישן רעליגיעזן לעבן. צום דאַוונען אין דערוואָכנס האָב איך געדאַרפן אָנטון די תפילין, דעם של יד און דעם של ראש, און האָב געקאָנט צוגערעכנט ווערן אַלס אַ צענטער צום מנין ווען עס איז נייטיק געווען אין שול.

נאָך דעם ווי איך בין געוואָרן בר מצווה, אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן שטענדיק געטרוימט אַז איך וועל ווערן אַ רב, האָבן זיי מיר אַוועקגעשיקט ווייטער צו לערנען אין אַ תלמוד תורה, וואָס איז אַ העכערע שולע פאַר רעליגיעזע שטודיען, און אַזוי אַרום האָב איך מיך צוגעגרייט פאַר דער צוקונפט.

ביז אַהער האָבן מיר זיך געלעבט בשלום מיט אונדזערע שכנים אינם שטעטל וואו מיר האָבן געוואוינט און איך האָב נישט ביגעוואוינט די אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם וועלכע האָבן זיך ווידערהאַלט אונטערן צאַר פון רוסלאַנד. אין אַלגעמיין האָט דאָס רוסישע פאָלק געלעבט בשלום מיט זייערע יידישע שכנים, אַחוץ ווען זיי זיינען אונטערגעהעצט געוואָרן פון דער רעגירונג אַקעגן די יידן. אַלע אויסברוכן פון אַנטיסעמיטיזם און אַלע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד זיינען אָן אויסנאַם געווען אַ דערפאָלג פון אינטענסיווער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע אַדורכגעפירט פון רעגירונגס אַגענטן. און די פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך שטענדיק אָנגעהויבן ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן צו ווייזן צייכנס פון אונרו און זיך געבונטעוועט אַקעגן זייערע פעאָדאַלע אויבערהאַרן. אַלע די צרות פון דעם פאָלק האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די יידן, און די פּראָסטע און אונבאַלערנטע פּויערים, אויפגעהעצט פון די זעלנער, האָבן געגלויבט אַלץ וואָס מען האָט זיי דערציילט און זיינען באַפאַלן די יידן און זיי געמאָרדעט — אַזוי מענער ווי פרויען און קינדער — אָן שום מיטלייד אָדער רחמנות.

נישט גענוג דאָס די מורא איז כסדר געווען פאַר אונדזערע אויגן, נור אויך זייענדיק יידן האָבן מיר נישט געהאַט די זעלבע בילדונגס פּריווילעגיעס. יידן זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון עפנטלעכע שולן און מען האָט זיי געמאַכט פאַרשידענע שוועריקייטן ווען זיי האָבן געוואָלט אַריינטרעטן אינם אוניווערזיטעט, און די יחידים וועלכע עס איז יאָ געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אַהין זיינען דאָרט באַלד אָפּגעשיידט געוואָרן פון די נישט יידישע סטודענטן.

צו יענער צייט האָט די וועלט אָנגעהויבן קוקן קיין אַמעריקע, און אַ סך יידן זיינען אַוועק פון רוסלאַנד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום נייעם לאַנד און צו דער נייער וועלט, וואו אַלע מענטשן זיינען גלייך. אונדזער פאַמיליע האָט אויך אָפּגעשאָקלט דעם שטויב פון רוסלאַנד פון זייערע פיס נאָך אין יאָר 1891, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר זיך אויך געפונען אין דער לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וואו, טראָץ אַלע שוועריקייטן זיך אויסצולערנען אַ נייע שפּראַך און אָנצוהויבן אַ ניי לעבן, זיינען מיר דאָך געווען צופרידן, גליקלעך און דאַנקבאַר צו גאָט ב״ה וועלכער האָט אונדז אַהערגעפירט.

אין ניי יאָרק האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אַ ברית חדשה. אַ מיסיאָנער האָט מיר געגעבן דאָס ביכל אין דער האַנט און האָט צו מיר גערעדט אַ פּאָר ווערטער וועגן ישוע פון נצרת. איך האָב אַדורכגעלייענט דעם ברית חדשה און בין געוואָרן זייער פאַראינטערעסירט און באַאיינדרוקט מיט דעם וואונדערלעכן לעבן פון ישוע המשיח. איך האָב דאָרט געלייענט ווי ער האָט בלינדע זעעוודיק געמאַכט, ווי אַזוי ער האָט מטהר געווען די מצורעים, און אפילו טויטע האָט ער מחיה מתים געווען. דאָס איז אַלץ פאַר מיר געווען אַ וואונדערלעכע נייע דערפאַרונג וואָרום איך האָב נישט געוואוסט אַז אַזאַ בוך ווי דער ברית חדשה עקזיסטירט. איך האָב אָנגעהויבן צו קומען צו משיחישע פאַרזאַמלונגען, וואָרום איך האָב זיך געוואָלט מער דערוויסן וועגן דער פּערזאָן פון וועלכן דאָס וואונדערבאַרע בוך שרייבט. איך האָב געפונען אַ סך פריינט צווישן די וואָס זיינען אויך געקומען צו די פאַרזאַמלונגען און זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו זייערע היימען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז אמתע מאמינים אינם משיח האָבן ליב דאָס יידישע פאָלק. זיי האָבן אונדז ליב צוליב דעם ווייל זייער גואל איז געווען אַ ייד. אַ ביסל שפּעטער איז מיר אויך קלאָר געוואָרן אַז נישט אַלע וואָס רופן זיך מיטן נאָמען משיחי (ד.ה. קריסט) און מעגן אפילו גיין אין קירכע אַריין, זיינען אמתע מאמינים, אָבער אַז אַ סך פון זיי זיינען נור נאָכפאָלגער פון אַ געוויסע קריסטלעכער פאָרם, וואָס באַשטייט נור פון צערעמאָניעס און ריטועלן. אַן אמתער משיחי (קריסט) קאָן נישט אַנדערש נור מוז ליב האָבן דאָס יידישע פאָלק. נישט יעדער וואָס רופט זיך בלויז מיטן נאָמען משיחי וועט ווערן אָנגענומען פונם משיח אינם טאָג פון משפּט. ער (דער משיח) האָט געזאָגט, „נישט יעדער איינער וואָס זאָגט צו מיר ׳האַר, האַר׳ וועט אַריינקומען אין מלכות שמים; נייערט דער וואָס טוט דעם רצון פון מיין פאָטער אין הימל. אין יענעם טאָג וועלן פיל צו מיר זאָגן האַר, האַר, האָבן מיר נישט . . . אין דיין נאָמען געטון אַ סך וואונדער? און דעמלט וועל איך זיי דערקלערן; איך האָב אייך קיינמאָל נישט געקענט; גייט אַוועק פון מיר . . .״ (מתיא 7: 23-21).

וואָס מער איך האָב געשטודירט דעם ברית חדשה אַלץ מער האָב איך זיך איבערצייגט און אויסגעפונען אַז עס איז אַ יידיש בוך — אַזויפיל יידיש ווי דער תנ״ך אָדער דער תלמוד — און אַז ישוע הנוצרי איז געווען אַ ייד, אַז זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער אין די ערשטע יאָרן זיינען אַלץ געווען יידן, און זיי האָבן אפילו געהאַט ספקות צו זיי זאָלן מבשר זיין די בשורה טובה צו נישט־יידן (גוים), וואָרום זיי האָבן געמיינט אַז די בשורה טובה איז נור פאַר יידן.

אַ ביסל שפּעטער איז צו מיר אויך דער דראַנג געקומען צו גלויבן די וואונדערבאַרע געשיכטע, און זיך אָנצופאַרטרויען דעם אמתן משיח ישראל פאַר עולם הזה און פאַר עולם הבא, און עס איז געשען דורך הרב לעאָפּאָלד כוהן פון דער אַמעריקאַנער מיסיאָנס־געזעלשאַפט פאַר יידן וועלכער האָט מיך צוגעברענגט צו גלויבן אין דעם משיח.

איך האָב דעם משיח געדינט פאַר קנאַפּע פערציק יאָר, און האָב זיך באַמיט אים פאָרצושטעלן פאַר מיינע יידישע ברידער, אַזוי אַז אַנדערע זאָלן געפינען דעם שלום און די זיכערקייט אין האַרצן וועלכע איך האָב געפונען און אַז זיי זאָלן אויך וויסן פון דער פרייד פון סליחת חטאים. עס טוט מיר נור באַנג דאָס איך האָב נישט געמאַכט די ענטשיידונג פריער. „פאַרזוכט עס און זעט אַז דער האַר איז גוט, וואויל איז דער מענטש וועלכער באַשיצט זיך אין אים.״

# „גאָט איז נישט אַזאַ גאָט“

אנכי הוא הרעה הטוב

והקמתי עליהם רעה אחד
יחזקאל ל״ד, כג

# רעה ישראל

אַ מאָנאַטליך בלאַט צו ערקלערן צו ישראל דעם אמת׳דיגן משיח

# The Shepherd of Israel

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

Subscription Price 50c. a Year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. 37, No. 4
DECEMBER, 1953


## „גאָט איז נישט אַזאַ גאָט“

פון סידנעי ל. פּאַרקער, אַ ייד וואָס גלויבט אינם משיח דער האַר ישוע.

עס זעט אויס אַז ביי היינט צוטאָג האָבן מענטשן מיינסטנס זייער אייגענעם באַגריף וועגן גאָט. זיי ערקלערן וואָס זיי דענקן גאָט איז.

אַ קולטורעלע יידישע פרוי איז אַריינגעקומען אין דעם לייענ־צימער פון אונזער מיסיאָנס־זאַל אין ניי־יאָרק, אום אונז צו דערציילן איר ווידער־ווילן אַקעגן אַן אויפשריפט וואָס געפינט זיך אין אונזער שויפענסטער, אין וועלכע מען קאָן לייענען: „גאָט׳ס נקמה האַנט האָט צעזייט און צעשפּרייט דאָס יידישע פאָלק.“ זי גלויבט נישט, אַזוי האָט זי אונז געזאָגט, אַז גאָט וועט צוזייען און צושפּרייטן עמיצן. איך האָב איר געוויזן אַז די ווערטער געפינען זיך אינם תנ״ך, אין דברים כ״ח 15, 64.

„און עס וועט זיין ווען דו וועסט נישט געהאָרכן צו דעם קול פון דעם האַר דיין גאָט, צו היטן און צו טון אַלע זיינע מצוות און זיינע געזעצן וואָס איך טו דיר היינט געביטן, אַזוי וועלן איבער דיר קומען אַלע די דאָזיקע קללות, און זיי וועלן דיך גרייכן . . . און גאָט וועט דיך פאַרשפּרייטן אונטער אַלע פעלקער, פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט.“

איך בין געוואָרן דערשטוינט פון איר ענטפער: „אַזעלכע זאַכן דאַרף מען אויסמעקן און אַרויסוואַרפן פון תנ״ך. גאָט איז נישט אַזאַ גאָט“, האָט זי געזאָגט גאַנץ ערנסט.

קיין ספק וואָלט די ליבע יידישע פרוי געהאַט איר ברירה וואָלט זי אַרויסגענומען דעם אָפּשניט פונם תנ״ך, און אפשר אַ סך אַנדערע אויך אַזעלכע וואָס שטימען נישט איין מיט איר באַגריף וועגן גאָט. שטעלט אייך פאָר, ווייל זי האָט עס מיספאַרשטאַנען דערפאַר האָט זי פאַרדאַמט אַן אָפּשניט פון תורת משה! אָבער עס איז טרויעריק, אַז אַזאַ מין באַגריף איז געקומען אַלס אַ רעזולטאַט פון דער לערע פון אַ געוויסער שטה פון יודאיזם. אַלס אַ רעזולטאַט האָט די פרוי געקאָנט זיך אויסוויילן וואָס זי האָט געוואָלט גלויבן פונם תנ״ך, וואָס איז דער אַנטפּלעקטער ווילן פון גאָט. דאָס אַנדערע האָט זי געוואָלט פאַרוואַרפן. קיין ספקות, קיין חרטה, פשוט אַרויסוואַרפן, ווייל עס שטימט נישט איין מיט איר באַגריף וועגן גאָט. איז דאָס נישט כאַראַקטעריסטיש פון מייסט יידן ווען זיי טראַכטן וועגן גאָט און גלויבן? און דו, וועלכער לייענסט די שורות, האָסטו דיין אייגענעם באַגריף וועגן גאָט?

אַלס אַ רעזולטאַט, ווערן מיר נישט דערשטוינט ווען עס באַווייזט זיך אַז יידן פאַרוואַרפן טיילן פונם תנ״ך, וואָרום מיר באַגרייפן אַז יודאיזם איז אַ גלויבן, אין אַ גרויסן טייל, געשאַפן געוואָרן פון מענטשליך געשאַפענע גלויבנס און באַגריפן. דער אמתער און איינציקער צענטרום פון דער יידישער אמונה איז געווען דער בית המקדש אין ירושלים און דאָרטן האָט זיך דער גאָטעס־דינסט קאָנצענטרירט, אָן דעם בית המקדש איז נישטאָ קיין ביבלישער יודאיזם. ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן אינם יאָר 70 (קומען פון משיח) האָבן זיך געענדיקט די קרבנות פאַר זינד, וואָרום דער געטליך באַשטימטער אָרט פאַר קרבנות האָט שוין נישט מער עקזיסטירט. פון דעמלט אָן האָבן יידן נישט געקאָנט האָבן מחילת החטאים ווי זיי זענען עס געוואוינט געווען. אַ סך פון זיי האָבן איינגעזען זייער לאַגע און האָבן אויסגעשריגן, „מיר זענען פאַרלוירן דורך אונזערע זינד!“ (עזרא 36:9) יהושע בן חנניה, אין טיפן צער, האָט נישט געוואוסט וואָס וועט קאָנען זיין דער קרבן פון זייערטוועגן. אַמווייניקסטען האָט ער פאַרשטאַנען די לאַגע און האָט נישט פאַרדרייט די כתבי הקדש, צו באַווייזן אַז גאָט האָט גאָר קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט קיין קרבנות פאַר זינד.

דאָך אַנשטאָט אָנצוערקענען דעם משיח וועגן וועלכן משה רבנו אין דער תורה און וועגן וועמען אַלע נביאים האָבן געשריבן, אַלס דעם אמתן משיח און דאָס לאַם פון גאָט, האָט יוחנן בן זכאי, איינער פון די יידישע פירער נאָך דער צעשטערונג פון דעם בית המקדש, איינגעפירט אַ נייע לערע. ער דערקלערט אַז מעשים טובים האָבן דעם זעלבן כוח מכפּר צו זיין פאַר זינד ווי די קרבנות. ער שטיצט זיך אויף הושע ו:6 „איך האָב פאַרלאַנגט חסד און ניט קיין קרבנות.“ און אויף משלי י״ו:6 „דורך חסד און אמת ווערט די זינד פאַרגעבן.“ און אָט אַזוי דורכן אַרויסנעמען פּסוקים פון זייער צוזאַמענהאַנג, טייטשט מען עס אויס גאַנץ אַנדערש פון דעם וואָס דער נביא האָט אונז געוואָלט זאָגן. נישט יהושע, וועלכער האָט געזאָגט „אוי ישראל קער זיך אום צו דעם האַר דיין גאָט! וואָרום דו ביסט געפאַלן דורך דיינע זינד.“ און נישט שלמה המלך וואָס האָט געשריבן דאָס ספר משלי, וועלכער האָט אַליין געבויט דעם בית המקדש אין ירושלים, האָט געהאַט וועלכע עס איז אָפּזיכט צו לערנען דעם פאָלק אָוועקצוטרעטן פון אַ קלאָרן געבאָט וואָס געפינט זיך אין ויקרא יז, 11, „ווייל די נשמה פון דעם פלייש איז אין דעם בלוט, און איך האָב עס געגעבן צו אייך אויף דעם מזבח מכפּר צו זיין אויף אייערע נשמות, ווייל עס איז דאָס בלוט וואָס איז מכפּר פאַר דער נשמה.“

אין דעם צווייטן יאָרהונדערט נאָך דער משיחישער צייטרעכענונג, האָט רבי עקיבה נאָך ווייטער אַנטוויקלט דעם נייעם געדאַנק וועגן כפּרת עוונות. ער איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט אַז צו זאָגן אַז מיר דאַרפן גאָרנישט קיין כהן גדול אָדער אַ גואל — אַ לערע וואָס איז אינגאַנצן אַקעגן דער געטלעכער אַנטפּלעקונג און אַקעגן תורת משה.

אַזוי האָבן די צוויי מענער אַריינגעפירט דאָס יידישע פאָלק אויף אַ נייעם וועג וואָס איז געווען גאָר ווייט פון דעם וואָס גאָט האָט געלערנט דאָס פאָלק ישראל. ווער האָט געגעבן אויטאָריטעט צו אָט די מענער אָנצוהויבן די נייע לערע? זיכער נישט גאָט. זייער לערע איז אינגאַנצן אַקעגן אַלעם וואָס גאָט האָט אָפּגעבאַרט פריער דורך משה רבנו.

פאַרוואָס האָט דאָס יידישע פאָלק גענומען אַלס זייער ערשטע אויפגאַבע ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל, אויפצובויען דעם בית המקדש און צוריק איינצופירן די קרבנות? פאַרוואָס האָבן די נביאים חגי און זכריה אויפגעמונטערט דאָס פאָלק אויפצובויען דעם בית המקדש? אויב די חכמים יוחנן בן זכאי און עקיבאָ, זענען גערעכט געווען אין זייער לערע, דאַן זענען גאָט׳ס נביאים, חגי, זכריה, עזרא, און נחמיה געווען אומגערעכט! אפילו ביי היינט צו טאָג זענען פרומע יידן מתפּלל און וואַרטן אויפן טאָג ווען דער בית המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערן ווען נור די הייליקע שטאָט ירושלים וועט זיך אומקערן צו יידישע הענט. אַ ייד וואָס גייט אין שול אַריין אין איינעם פון די דריי הויפּט יום טובים, פּסח, שבועות אָדער סוכות, חזרט איבער אָט די דאָזיקע ווערטער: „יהי רצון . . . מעג עס זיין דיין ווילן, אָ האַר, זיך מרחם צו זיין איבער דיין בית המקדש, און עס אויפבויען בקרוב . . . און דאָרט וועלן מיר אָנגרייטן דיר די געהעריקע קרבנות.“


Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.
Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
PRINTED IN U.S.A.